STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10784

1919

Leib Kvitko

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ל׳ קוויטקאָ

1919

הילע געצייכנט פון י׳ טשאַיקאָוו

Buchdruckerei Lutze & Vogt G. m. b. H., Berlin SW 68

ל. קוויטקאָ

1919

Alle Rechte, insbesondere der Uebersetzung, vorbehalten.

Copyright by the „Jewish Literature Publishing Co. Ltd."
(„Jüdischer Literarischer Verlag, G. m. b. H.")
Berlin, 1923.

* * *

דאָס דאָזיגע בוך — ווייל ס׳קומט ארויס איצט אין „פּאָגראָם־סעזאָן״ — קאָן פאַלש אויסגעטייטשט ווערן.

ניין, מיין אוקראינע — אַ גליד פון גרויסן רוסלאַנד — האָט פאַר מיר גאָר־גאָר אַן אַנדער באַדייט (וואָס פאַר אַ באַדייט — דאָס זאָגט אַן אַנדער בוך מיינס, וואָס דאַרף ערשט ערשיינען).

דאָ האָב איך געזעהן, געהערט און איבערגעלעבט דעם ריזן־גאַנג פון דער רעוואָלוציע, דעם ריזן־גאַנג פון די חיילות, וואָס זיינען אין פייער און וואַסער געגאַן מיט געזאַנג, מיט הייסן גלויבן צו באַפרייען ניט נאָר אונזער קנעכטיש לאַנד — אַ גאַנצע וועלט באַפרייען. איך, אַליין אַ קנעכט געוועזן, האָב מיט אַלע מיינע אייגענע אַזוינע פון מיין לאַנד געטרונקען און געכלינעט דאָס לאַנג־געוואַרטע, לאַנג־געגאַרטע פרייקייט, וואָס די חיילות האָבן אונז געבראַכט. איך און מיינע אייגענע אַזוינע, האָבן אונזער שאַפנדיגן פרייען אָטעם ערשט באַקומען פון דעם וואונדער־ליכן ריזן־גאַנג.

אונזער היים אין 1919!

צו אַלע זייטן אונזער לאַנדס האָבן זשעדנע, געפּאַנצערטע הענט פון דער באַלעבאַטישער וועלט זיך געשטרעקט מיט מאָרד און רויב —

איז מיר באַשערט געווען צו בלייבן אין דער היים, אויג אויף אויג מיטן פּעטלורעשן פּאָלק —

איז מיר באַשערט געווען זעהן און הערן און איבער־לעבן די אַלע מעשים פון פּעטלורעשן פּאָלק.

אויך איבער מיר איז געהאַנגען אַ מיתה־משונה, — האָבן זיך אויפגעקליבן אין מיר רגעס.

וועט אַ טעות און אַ ווייטאָג זיין, אויב מען וועט מיין בוך, — רגעס אויף דער דינער־דינער שאַרף פון ז י י ן און ניט־ווערן, — אויב מען וועט עס אויפנעמען אַלס דיכטונג, אַלס לידער וועגן פּאָגראָמען.

ווי שוידערליכער קינדער־שרעק איז דין און ממש און לויטער, — אַזוי איז אויך דער פּיין, דאָס פּחדנות, די זונען־שיין, דאָס בלוט־פּאַרגאָסענע פון 1919 —

אַזוי זיינען אויך די רגעס ממש.

ווי די לופט פון צער און ליבע ביי די זונען־שטראַלן אין די הויכן איז אַנדערש, ווי ביי אונז דאָ, ווייט אומענדליך אַנדערש, — אַזוי איז אויך די היים, ס'ווייב און קינד, דער שכל און דער ווילן פון 1919 —

אַזוי זיינען אויך די רגעס אַנדערש.

נאָר אין פאַרבאָרגעניש, אין יעדערן פון אונז האָט געַ־טליהעט די טרייסט און האָפענונג אויף ד י, וואָס גייען דאָרטן קעגן פיינט; וואָס וועלן זיך אומקערן צו אונז און ברענגען דעם נצחון, דעם נייעם, דעם באַפרייטן שאַפנדיגן היינט פאַר אונז און פאַר דער גאַנצער שאַפנדיגער וועלט.

און דערווייל, מיט אָפּגענומענע הענט, האָב איך נאָר גע־קאָנט זעהן, הערן און איבערלעבן, צוזאַמען מיט מיינע אַלטע לייט, יונג־אַלטע לייט, פרויען און קינדער — די מעשים פון פעטלורעשן פאָלק.

ל. קוויטקאָ

געשעהן אין אומאַן זומער 1919

ערשטער טייל

פאַרמישטע טראָטואַרן

פאַרמישטע טראָטואַרן,
קאַלעמוטנער אָוונט,
שאָטן־שטאָט.

וואָס בלאָנקעט איר אום,
יונגע לייט — יוגנט?
און גליהט אין שאָטן אויף,
און לעשט אין זון זיך אויס,
ווי דינע שאַרפֿן?

און פאַרפּלאָנטערט זיינט איר —
גרינע ציינער אין אַ וואַסעריגער זעג.

ווי ליסקעלאַך פון אָטשערעט
צאַנקט און פלאַטערט איר.

זיינען טאַקע שאָרכן עסעריג?
און די שמועסן און די וואונקען
טאַקע חשדיג? טאַקע וואונדיג וויי?

ווייכט אונז טאַקע,
אַנטלויפט טאַקע פון אונז צו אַל׳ די שוואַרצע יאָר
יעדער הונט,
וואָס איז נאָך ניט
משוגע־מטורף?

דער הימל־רייף
ענגער, ענגער אויף דער שטאָט.
ווייטן ווערן נאָהענטן,
ברייטן ברעכן זיך, ווי הערצער,
ווי טרוקן שלעכטע דערנער־צווייגן.

מיילער, פון שרעק פאַרקרימטע,
שעלטן זיך –

וואַרפן שטיקער שטיינערדיגע קללות,
שטיקער גאַל
אויף גאַס, אויף ראָג,
אויף וואַרטנדיגער שטאָט.

קאַלעמוטנער אָוונט
זעצט זיך אָפּ
אויף פאַרמישטע טראָטואַרן.
מיר וואַקסן צוריק,
מיר גייען איין.

אין שטוב פֿאַרהאַקטער

אין שטוב פֿאַרהאַקטער
שטייען איינגעשרומפּן חפצים,
צערוקטע,
אָפּגעלאָזטע,
וואַרטן מיט מרה־שחורהדיקע אונטערשאָטנס
שאָטנס־קינדער
אויף אַ שטראַלעכל,
אויף אַ פֿונק,
אויף אַ האָזעלע
פֿון די פֿאַרהאַקטע פֿענסטער.

אוי, זיי גלויבן גאָרניט,
אַז אין דרויסן זון איז,

אַז זי טריקנט נעזער בײַ חזירים,
קושט די מילבן־מײלעכלאַך אויף שטויב.

די שטויב־וואַזאָנעס
דאַרן אין די וואָרצלען —
שאַרן שטאַר
מיט פאַרשטײנטע בלעטער־שאַרפן
אַ דורכנויגנדיגן קאָפּ.

מײַנע אַלטע שוועסטער,
מײדלאַך מיד־פאַרזעסענע,
אויסגעשטאַרצטע קינבאַקן,
פון צאַפּלען, פון וואַרטן, —
דרײען קראַנקע זיך אַרום,
שווײַגנדיגע, שטומע.

אײנע נאָר, פאַמעליכן
ציהט אַראָפּ מיט דינע פינגער
ווײסע פאָרהענגלאַך פון פענסטער,
ציהט אַרויס פון זײ אָטשקורלאַך,

און ציהט׳
און ציהט אַרויס די אָטשקורלאַך׳ —
פּלעכט עפּעס פון זיי׳
און מיר וואַרטן׳ —
מיר ווען זיך דערוואַרטן׳

ליב־געבענשטער קאָפּ

ליב־געבענשטער קאָפּ,
איידל־ציטעריגע האַנט –
לאָז מיך אָפּ!

פאַרשליס זיך מיטן קינד
אונטער טויבער וואַנט,
מיט איינגעביסענע ליפּן זאָג דער שרעק:
„מיין מאַן איז דאָרט".

לאָז מיך אָפּ!
אויף דיין פאַרהאַלטן מיך
און אויף מיין בלייבן

שרייען יאָמערדיג די פּאַסן פון דער ערד
און שעלטן אונז׳ פארשעלטן׳

זעה נאַר׳ זעה׳
דאָס קינד׳ דאָס רויאינקע׳
ערשט אויסגעשפּראָצטע ציינדלאַך —
ס׳וואַרפט מיט דעם׳
ס׳טרעפט ניט
אַ ציינדל אָן אַ ציינדל׳

לאָז מיך אָפּ !
כ׳וועל מיין גאַנצע גאַל׳
מיט הינטישן
מיט פיינענדיגן צאָרן׳ —
כראַקען אויפן פיינט !

פאַרסמט מיין בלוט -
זידנדיגע שטיקער׳
כ׳האָב בייזע שלעכטסקייט
אין פאַריאָגטע אָדערן׳ —

העי׳ —
רייטנדיגער בלינדער דאָרן!
ווי וואַקסט מען עס מיט טויזנט פיאַווקע־וואָרצלען? —
זעה: —
איך!

טאָג און נאַכט

טאָג און נאַכט —
דערפרוירענע וואַרטן מיר אין בייזן טאָג
אויף נאַכט לבנהשער,
אויף לבנה צערטליכער.

אָנגעשראָקן וואַרטן מיר אין בייזער נאַכט —
אויף טאָג דעם זוניגן,
אויף זון דערבאַרעמדיגער.

טאָג און נאַכט —
גרויס זיינען מיר זיי אין די אויגן,
זיי וואַרפן זיך מיט אונז.

קליין זיינען מיר, גאָר קליין –
פחד שלעפּט אונז צו דער ערד,
ווי זיינס, ווי אייגנס.

וואוהין־זשע זאָלן מיר זיך 'הינטון,
קליינע ?
וואוהין אונזער גרויסן ווייטאָג 'הינטון,
ווייטאָג ?
ליבע ?
סודות ?

טאָג און נאַכט –
גרויס זיינען מיר זיי אין די אויגן,
זיי וואַרפן זיך מיט אונז.

זי שנאָרעט שוין ווידער

זי שנאָרעט שוין ווידער׳
די מיתה־משונה׳
אויף אָפענע טראַקטן.

אָט קומט זי אַריין שוין
מיט מעשענע טאַצן׳
מיט קללהשער פויק.

שפילט און באַהאָגלט
מיט דערנער׳ מיט פריסעק
דאָס נאַקעטע לייב פון אַ שטאָט.

כ׳האָב דען ניט געבעטן זיך:
„קינדערלאַך׳ שפּילט זיך׳
הערט זיך ניט צו?"

איצט ערשט דערציטערט׳
זיי כאַפּן צוריק שוין
די זיידענע אויערלאַך׳
צעשטאָכן׳ צעבלוטיגט׳
פון פריסעק צעפלאַמט׳ —

כ׳האָב דען ניט געבעטן זיך:
„קינדערלאַך׳ הערט ניט׳
כ׳ווייס וואָס דאָס פויקן באַטייט?"

ווי ווערט עס פון הייזער
אין איינער אַ רגע —
צעוואַלגערטע שטיינער׳
גרויסע און שווערע׳
אויף הפקר? —
און טוליען זיי נאָך דען

דאָס וואַרעם געמיטליכקייט
טיף אין זיך, —
ציטריג געמיט?

די מיתה־משונה,
זי שנאָרעט שוין ווידער
אויף אָפענע טראַקטן
מיט מעשענע טאַצן,
מיט קללהשער פויק.

טאָג ווערט פינסטערער

טאָג ווערט פינסטערער
און פינסטערער׳
כאָפּטעס רוקן אָן זיך אויף דער שטאָט׳
כאָפּטעס בלאָטיגע פון בלוט׳
פאַרביסענע פון קינדער־טויטן׳
רוקן אָן זיך להוטע׳
רייסן קעפּ׳
פאַרחלשטע׳ מרה־שחורהדיגע קעפּ׳
און נאָך מיינעם׳
נאָך מיינעם אַזאַ יונגן קאָפּ׳
און נאָך מיין האַרץ׳
וואָס האָט פאַרוויגט אין זיך די פרייד פון ליבע

... אַן אומגליקליך פֿאַרבליבענער
וועט איבערציילן די הרוגים.
ער וועט מיין טויטן נאָמען
גלייך מיט אַלעמענס פֿאַרשרייבן מיט קליינע אותיותלאַך
אין לאַנגן צעטל.
אוי, זאָל ער כאָטש ניט פֿאַרגעסן דאָרט
פֿאַרצייכענען אין לאַנגן צעטל
וויפֿיל איך בין אַלט געווען!

זאָל ער כאָטש דערמאָנען דאָרט,
אַז בלוטיג־יונג מיין האַרץ געווען,
אַז שטאַרק, ווי שרעק, געווען מיין ווילן לעבן,
שטאַרק און משוגע,
ווי מיין לעצטער טאָג.

ביז טויב צו ווערן

ביז טויב צו ווערן
כ׳האָב פאַרברייטערט מיין געהער׳
ביז בלינד צו ווערן
האָב פאַרשפּיצט מיין ראיה׳ —
מיט קראַנקער אָנגעשפּיצטקייט
אָפּגעמאָסטן יעדן שאָרך׳
אָפּגעוואויגן יעדן פּיפּס׳
און זיי אָפּגעגעבן גאַנץ
צו מיין וואונדיק־ווייַ געמיט׳
צו מיין ברענענדיגן לייב —
אויף באַהאַלטן זיי׳
אַלע הודען זיי אין מיר:

אַלע שאָרכן, אַלע שאָטנס
מערן, פּרוכפּערן אין מיר.
טיף פֿאַרשטעקט אין בלוט און גאַל
לעבעדיגע אַלע.
ווער־זשע וויל?
וועלכן שאָרך?
וועלכן קלאַפּ? —
דעם, וואָס קומט פֿון שחטן יינגלאַך אויף די שטרויִנע דעכער?
דעם, וואָס קוויטשעט ווילד אַרויס פֿון די באַלעגטע בעטן?
דעם?
אַלץ צו צייט. —
אַלץ פֿון מײַנע שונאים — טעג און נעכט —
דאָ לעבט אין מיר.

כאַפּט מיך אָן די בייזע בשורה

כאַפּט מיך אָן די בייזע בשורה,
ווערט צעשפּאַרט מיין יונגער קאָפּ.
גרייזט און גראָהט מיין יוגנט,
גרייזט און גראָהט.

בינד איך איבער אַלע קניפּן
פון מיין יונגן חלום־נעץ,
לעצטע קניפּן, לעצטע בליקן,
חלום־נעץ.

כ'האָב מיין ליבן, בלאַסן ווייבל
שוין דאָס שרעקליכסטע דערציילט —

ז׳האָט דאָס לעצטע מאָל פֿאַרבראָכן
שוין די הענט.

כ׳וויל אין פֿענסטער מער ניט קוקן –
כ׳האָב דעם דרויסן גאַליג פֿיינט,
כ׳האָב באַצוואונגען האַרץ אין צוואַנגען –
און סע שטומט.

כ׳האָב דיר ניט וואָס אָנצווזאָגן

כ׳האָב דיר ניט וואָס אָנצווזאָגן
פאַר מיין טויטער רגע·
שנאה – אויב דו קאָנסט דערטראָגן
ביז צום צווייטן דור –
נעם און גיב אים איבער
מיין צעפּיקטע גאַל׳
שנאה – צו דעם בלייענעם פּרצוף
אין מיין ליבן לאנד·

כ׳עפן אויף דעם קוואַל פון ליבע
אין מיין טויטער רגע, –
שעפּ די קוועלנדיגע ליבע׳ –

צו מיין פאָלק.

אָנגעוווייטיקט האָט מיין האַרצן
יעדער זיינס אַ וויי,
אויסגעזויגן מיר דאָס חיות
יעדער זיינס אַ בליק.

יעדער תּנועהלע, דאָס מינדסטע,
פון מיין אַלטן פאָלק
האָט באַלויכטן מיר זיין אורשפּרונג
און זיין וויטסטן גאַנג,
האָט פאַרקלעמט מיט גליה מיין האַרצן,
גרונטגעפעסטיגט:— זיי!

שעפּ פון קוואַל פון איבערפולטן
אין מיין טויטער רגע —
אין דיין מאַרך דערטראָג די ליבע
צו דעם צווייטן דור.

כ׳האָב אַ יונג׳ אַ בליהענד לעבן

כ׳האָב אַ יונג׳ אַ בליהענד לעבן׳
ציטער איך אַזוי פאַר דעם ;
איך פאַרגלויב עס נישט דער נאַכט׳
איך פאַרגלויב עס נישט דעם טאָג׳
ניט מיין אייגנעם טראָט.

אַך —
אונטער די פאַרביסענע פענסטער
בליהען בוימער׳
קליינע און גרויסע גראָזן —
ס׳אַראַ שרעק!
שטייען אַלע אָפּגעדעקטע

פאַר דער אָפּענער גאַס –
ס׳אַראַ וואונדער!
זיי געטרויען זיך דעם טאָג,
זיי געטרויען זיך דער נאַכט,
קוקן ווייט אַריבער דעם משונה־וואָהר
צום גאָלדענעם צאַנק,
צום גאָלדענעם סוף...

כ׳האָב אַ יונג, אַ בליהענד לעבן,
ציטער איך אַזוי פאַר דעם.

קינדער־וויגעלאַך צעהאַקט

קינדער־וויגעלאַך צעהאַקט,
תּליהלאַך געמאַכט, —
און די קינדער אויפגעהאַנגען,
אויפגעהאַנגען.

טויטע, בלויע פּנימלאַך פאַרוואָרפן
דער ווייסער וועלט,
דער שוואַרצער וועלט: —
„שעמט זיך ניט און קומט אַהער,
באַרירט אַליין די תּליהלאַך —
זיי זיינען פעסט!"

וואַקסן פון די אויגלאַך שלענג,
גיפטיגע און בליציגע ?
מערן זיך און פלעכטן זיך
אין אַ שווערן שלאַנגן־קראַנץ
פאַרן שונא ? — ווער איז שונא ? — וועלט ?

און די קינדערשע געמיטער
טריפן אומבאַמערקט אַריין
זייער קינדער־פּיין
אין די פעלקערס פעסט פאַרהאַקטע
לאָגלען־האַרץ,
און זיי סמען דאָרט דעם גרונט
און דעם פלאַך.

אָט קוקט מיך אָן — אַ קינד,
מיט אַ פאַרענטשע פון מיין וויגל
אויפן האַלז
גיי איך אום צווישן אייך !
אָך און וויי צו מיינע יונגע יאָר,
צו מיין אומגיין אין דער וועלט —

כ׳בין נאָך טאָגיג !
כ׳בין נאָך קלאָר !
אָך און ווײ מײן יונגן לײב און לעבן·
ווער בין איך ? איך ? ווער זײנט איר ? —
כ׳בין נאָך קלאָר !

רויטע סטענגעס, גרינע סטענגעס

רויטע סטענגעס, גרינע סטענגעס,
סטענגעס זיידיק־קלעפּיקע —
בלוט און גאַל.

הוידען אום זיך, וויגן אום זיך,
און פאַרוויקלען פיס און האַלז מיר,
און באַקלעפּן פעט מיין ברויט.

וו'הין? שוין ווידער אין די קעלערס,
קינדער? —
טוט אייך אָן ווי שיקסעלאַך,
אין פאַטשיילקעס קווייטלדיקע —

נאָר, חלילה, ניט קיין רויטע —
באָרוועס לויפט.

בלוטיק איז די לופט אין דרויסן,
מ׳קאָן אייך וועלן נאָך דערקענען —
זעהט־זשע רעדט נאָר ניט קיין יידיש,
גלאַנצט ניט אויס די באַלעבעס.
— וואָס־זשע זאָגט מען, אַז אַ שייגעץ
שטעלט אין גאַס אָפּ?..

האַלב נאַכט זיצט אַ שווערער יאָך

האַלב נאַכט. זיצט אַ שווערער יאָך
דעם שטעטל אויפן קאָפּ.
זשעדנער, לעבעדיקער טונקל —
דעם שטעטל אויפן קאָפּ.

„בערל, מיין בערישער בערל,
פון וואָס אַזוי בליהט איצט דיין קינד?
איך לויף זיך אין שעכטהויז פאַרשטעקן,
דו מיטן קינד — צו דער מיל?

גיי ניט דורך טעקלעס באַשטאַנען,
גיי ביי דעם ברעג וואַריוואַנס. —

···אפשר דורך טעקלעס באַשטאַנען
און ניט ביי דעם ברעג וואַריוואַנס·

דאָרט קאָן זיך דאָס קינד נאָך דערשרעקן,
פאַרוויקל עס בעסער, סע קיל·
כ׳ווייס ניט: —
דאָס עופהלע אין שטיינער ביים מיל?"

דורך וואַנען ער איז שוין געגאַנגען —
דערגאַנגען צו אים איז די האַנט·
אים אָנגעשיט שוועבל אין האַרצן —
די יוכטענע שטיוול צוליב?
צו שלעפן די שטיוול פון אים?

מיין בערישער בערל, צו נאַכט־הינט·
צו לבנה —
דעם פינסטערן קאָפּ·

ס׳קינדעלע·
ס׳ציטריגע·

מיט פנימל אין שטויב,
ניאַווקעט הינטיש־קינדיש,
איינגעעקשנט ניאַווקעט
אין שטויב, אויף מיטן וועג.
וואַרט עס:
קיינער בעט ניט איבער,
צערטלט ניט —
בערישער פּאַפּאַ רירט ניט די צעוואָרפענע הענט.

קומט אָן אַ שלעפריגקייט,
אַנטדרימלט ווערט דאָס קינד,
אין קאַלטן שטויב אין האַלב־נאַכט,
ביים טאַטענס זייט.

...און ווען בהמות רעווען,
ערד הוידעט זיך —
דערוואַכט׳ס:
אַ פרעמדער ניי —
אַ פחד ניי —
זיצן שטיקער נאַכט אין טאָלן דאָרט.

דריקן און שטיקן זיי אויס,
און צווישן בערג דאָרט – העלט.
העלט –
ס'איז – ס'איז די מאַמע קוועלט. –
קינד ציהט אויס די הענטלאַך היכצנדיג
צו מזרח־העל:
„מאַמע"
„מא־מע"...

און אָפּגעהאַקט יאָמערדיג, אַ דריי:
„פּאַפּאַ" –
און טרייסלט אים, און רייסט אים,
עפנט אים די אויגן,
דעקט דאָס בלוט אויף האַרצן איין:
„וואַ־ווע־ניו" –
דרייט און צאַפּלט זיך,
קושט די אויגן אים,
רייסט און וועקט אים,
לעגט ס'אויערל צום וואונד צו,
הערט זיך איין,

הערט זיך איין
מיט קאַלטן אויערל
ביי טאַטענס בלוטיגער וואונד.

...זון! די זון! די זון!
מיט וואַרעם און דרימל
אויף קינד.

איז וואָס, אַז קלויסטער־גלאָקן

איז וואָס, אַז קלויסטער־גלאָקן האָבן זיך געפּרייט ?
אַז פֿאַרן אָפֿנעם פֿענסטער
איז אַ באַקאַנטער דורכגעגאַן
און קיין גוט־מאָרגן ניט אַריינגעשמייכלט ?

דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט,
מיט פֿאַרטראַכטן שפּאַן,
מיט פֿינגער אומרוהיק געביסן,
געבויגן
אַ גרינינק ריטעלע אַ קליינס ? —
איז וואָס, אַז קלויסטער־גלאָקן האָבן זיך געפּרייט ?
פֿון יעדן שטיין אין דרויסן

שמעקט מיט נעגעלאַך,
מיט יונגינקע, קיהלינקע געוויקסן.

כ'האָב זיך אַריבערגעבויגן,
זיך אויסגעצויגן
דורכן פענסטער,
זיין נאָמען נאָכגעשריגן.

... וואָס טו איך, וואָס?
וואָס הייסט איך שריי, אַז כ'ווייס נאָך ניט
ביי וועמען ס'איז די שטאָט היינט?

אוודאי קוקט זיך מיין באַקאַנטער
גאָר ניט אום,
אין קאָפּ אַ פּלאָנטער, —
איז זיין נאָמען אויך פאַרפּלאָנטערט?
האָט פאַרגעסן ווי ער הייסט?

אוי, כ'וואָלט געמעגט שוין ווּיסן
וואָס און ווען,
אַז קלויסטער־גלאָקען האָבן זיך צעפּרייט.

דאָס איינציגע

דאָס איינציגע
אין שטילנס ווילן – כ׳בעט:
פלויט, — אָטעם!
גראָזן, — אָטעמט!
אָטעמט הייזעריג אַריבער מיר!
זיי שנאָרן דאָ אזוי פיל אום
און דארפן מיך
געגויטיג מיך, —

ניט פרעגט מיך איצט, פאַרוואָס איך ליג
אַ קראַנקער דאָ,
אַ פייער דאָ,

ניט שטראָפט מיך איצט, אַז איך בין יונג —
אַ בעטלער שוין,
ניט פֿרעגט מיך איצט, וואָס דאָרט געשעהט,
דערמאָנט ניט „מענש" —
ווער איז עס — איך?
ווער איז עס — זיי? —

אָטעם, — פלויט, אָטעמט, — גראָזן,
אָטעמט הייזעריג אַריבער מיר,
כ'לאַך פון אייך, —
רוהיגע אין וויגנדיגער שפּע —
ווי לעבט מען עס אַזאַ מין שפּל לעבן,
אַזאַ מין שטילס
אין דער־אָ צייט?
איר ווייסט דאָך גאָר ניט ווער בין איך,
און ווער זיין די, וואָס זוכן מיך: —
בליהען קאָן איך אייך באַגלייך,
שחטן קאָן איך זיי באַגלייך,
אָטעם, — פלויט!
אָטעמט, — גראזן!
כ'טרען די אָדערן אייך אויס!...

אַלע, אַלע זיינט איר מיינע

אַלע, אַלע זיינט איר מיינע
די פאַרפייניגטע,
און די מיט בלאָנזענדיגע אויגן,
אין מיין נשמה שאָטנט אייער שאָטן,
אין מיין בלוטיג לייב
בלוטיגט, עקבערט אייער וויי.

וואָס קאָן איך טון פאַר אייך ? —
ס׳ווערט צעקלאַפּט מיין יונגער קאָפּ
אויף אייער שוועל,
אויף אייער וויסטן מזל.

אונטער דיין האַרצן

אונטער דיין האַרצן טראָגסטו מיין קינד,
דעם וואָר פון מיין יונגן ציטריגן טרוים...
אונטער דיין האַרצן טראָגסטו מיין קינד,
איינציגע האַרציגע, דו!

פלאַקערט דער טאָג און דערפלאַקערט אויף אַש —
דו גייסט אויף די אַשיגע פלאַכעס אַרום,
טרויערסט מיט אָוונט אויף וואַרימען אַש,
דו מיין, טרויערסטו דאָרט.

זעהסט מיך ניט, אָבער איך גיי דיר הין נאָך,
און גילד דיר דעם אַש מיט מיין צאַפלענדן בליק,
שמייכלסט און זויגסט... און טרויערסט אויף אַש —
אונטער דיין האַרצן טראָגסטו מיין קינד...

ווילט זיך ניט קלאָגן

ווילט זיך ניט קלאָגן, קלאָגט זיך דאָס האַרץ,
קלאָגט זיך מיין יונגער בליהענדער טרוים:
זיין וועט מיין קינד, מיין פריידיגער בליט, —
אַ טרויעריג קינד, אַן אומעט־געמיט.
זיין וועט מיין קינד אַ שרעקיגער צווייג,
מיט פחד באַהויכט,
מיט אָוונט באַגרויט.

בעט איך דיך, טאָג,
בעט איך דיך, נאַכט,
פעלט אויס מיין שוועל מיט אייער געקלאָג,
מיט אייער געקלאָג.

לאָזט מיר מיין ווייל,
איך וועב זי אַליין; —
אַ מענטעלע צאַרט
פאַר ווײַלכל, מיין קינד.

בעט איך דיך, ווינט,
אייך, אויגן פון ווינט,
רחמים איך בעט:
גייט אייך פאַרביי,
שלייכט אייך פאַרביי!

אוודאי אַ נאַרישקייט אַ שווערס

אוודאי אַ נאַרישקייט אַ שווערס. —
נאָר מיר איז גוט, איך ווייס, אין דר'היים
מיין ווייבל שפּאַרט די בריסטלאַך
מיט געליימטע פינגער.

מיין שווער, אַ וואַקסענער,
איז צוגעקלעפּט צום עס־טיש,
אים שלאָגט אַ היץ אין קאָפּ,
אים פריהעט. —
טריפן פון אים ריטשקעס טריוואַקס. —
ווייל זיי האָבן פיל יסורים,
וואָס איך בין געכאַפּט געוואָרן.

יאָ׳ געפֿאַנגען אויף צוכּלומרשט: —
ס׳איז דער רייטער דורכגעריטן׳
מיך אַ נעם געטאָן ביים אָטעם׳ —
מיט אַ צאָרן׳ מיט אַ שמייכל׳
מיט אַ שפּילעוודיגן שטעכן׳
האָט אַרײַנגענאַרט מיין אָטעם׳
יאָ׳ מיין אָטעם און מיין חיות
אין זיין שוואַרצער וואַסער־פלאַש.

אויף צוכּלומרשטן׳ מסתמא׳
שפּאַרט מיין ווייבל זיך דערימעך׳
שפּאַרט פאַרווייטאָגט זיך די בריסטלאַך.
טריפט מיין שווער דעם קאָפּ דערימעך׳
טריפט אויף עס־טיש אויס אין ריטשקעס.
קוויטש איך פגירהש אויך דערימעך׳
פגירהש בייז און פגירהש קוויטשיג. —
און דערימעך ווייסט ניט קיינער׳
צי ס׳איז טאַקע איך׳ מיין אָטעם׳
אין דער וואַסער־פלאַש׳ דעם רייטערס׳
צי אַ נאַרישקייט אַ שווערס.

נאָר אַ צאַפּ, ווייזט אויס, דערשמעקט מיך
טוט מיט געלער באָרד אַ שאָקל,
תּמעוואַטע, גלאַט באַדויערט:
„גאָר אַ נאַרישקייט, נאָר קונציג,
צוגעשמעלצט דער טאָג צו נאַכט איז
אָהן אַ סימנדל, אַ שפּעלטל,
קלאַפּ און בוצקעווע און שטויס זיך,
ניט צעשפּאַרן וועסטו זיי!"

אין פלאַש פאַרהאַקט מיט פעסטן צאַפּן,
צום גאַרטל צוגערימענט
שלעפּט דער רייטער מיך!
גלאַט, אויף בולבען?
אויף פּאַטשן זיך?
אַרויסצוגרינען דורך די שוואַרצע ווענטלאַך פלאַשס?

זעהן, ווי אויף אַ ווערטל,
טוט ער נאַקעט אויס מיין טויבע מאַמע,
שנירט זי איין ביז גרין און בלוי צו ווערן
אין זיידנס תּפילין?

זעהן, ווי ער טרייבט איר ווייזן די סעקרעטן,
וואו פֿאַרשטעקט זי האט די קינדער?

זעהן אים שפּייאיג לאַכן
מיין טויבער מאַמען אין די אויגן:
„טויבע לאָך!
דערשטיקטע דיינע מייזלאַך,
זויג זיי אָן!"

איך זאָל כאַטש ענדיגן

איך זאָל כאַטש ענדיגן מיין דינינק פידעלע׳
וואָס שניץ און טעסע עס אַ גאַנצן פריה׳
פון שוועבלאַך־קעסטעלע׳ מיט פינגער פיבערשע
איך שניץ און טעסע עס אַ גאַנצן פריה׳

— ביין געוויטער׳ וואַרט אַ ווייל פון יענער זייט!
איך מוז פאַרטעסען נאָך דעם אונטער־טייל׳
און די׳ טויט׳ שטיי אַ ווייל ביים שוועל און וואַך אויף מיר —
איך מוז פאַרגלעטן נאָך דעם אויבער־טייל׳

אָט שטעלן שטיפטעלאך אין גלאַטן העלזעלע׳
און ציהען הערעלאַך אויף גאַנצער לענג׳ —

די רוצחים הוליען שוין אין הויף דעם שכנישן,
און שוין פאַרהאַקט מיין טיר מיט זייערו בליק.

אָ, נאָך אַ הערעלע פון קאָפּ אין פידעלע...
אָ, ליבע, ציטער נישט, לאָז, נאָך אַ האָר —
אַ קליינינק פידעלע דעם בלאַסן קינדעלע,
אָ, זאָל עס זיין אים נאָר צו לאַנגע יאָר!

דעם קליינעם קינדעלע אַ דינינק פידעלע,
מיט דינעם פעדימל אויף הערצל דעם; —
זים־זים מיט שמיציקל, ווי ס׳קליינע פליגעלע:
„דעם טאַטנס פידעלע... דער מאַמעס פידעלע...״

אונטן שנאָרען אום די געסט

אונטן שנאָרען אום די געסט,
יעדער גאַסט טראָגט אַ קראַנץ פון טויט,
יעדער קראַנץ האָט אויגן־פיין קאָלירן, —
זוכן זיי מיך פייניגן.
איך בין אויפן בוידעם,
אויף דער ניט דערבויטער חורבה. —

גוט אַזוי צו האַלטן זיך אויף די באָנטינעס־דראָנגעס
ביי טונקל אין דער הויך,
ביי שפין און שפינוועבס־נעצן. —
גוט צו האַלטן זיך אויף די באָנטינעס־דראָנגעס
דאָ איז נאַכט

און קלעטער־שטעלן —
און איך בין יונג
און איך בין פלינק
און קוק ארויס דורך דאַכס שפּאַרונעס —
דאָרט שנאָרען געסט,
ראַקעטן וואַרפן.

ווער איז דאָרט אונטן ?
אויף די שטיינער ?
ווער איז ? —
מיין מאַמע ! —
פון שוועסטער־גרוב ביים ניי בית־עלמין —
מיין מאַמע — דאָ !
און די, ווער זיינען ? —
שכנות פון שוועסטער־גרוב ? —
הויבן קעפּ אין ווייסע קאָפּטיכלאַך
צו מיר פּאַרריסן.

ווער האָט מיין מאַמען אויסגעמתט דאָס פּנים ? —
וועלכער טויט ?

מיט וועמענס מאָדנע אויגן קוקט זי ?
מיט וועמען האָט זי זיך פאַרביטן
דאָרט אין שוועסטער־גרוב ?
ווי קומט זי הער ?

· · · דעם שאַרבן־קאָפּ
אין אָטשקורעדיקן קאָפּטיכל
צו מיר פאַרריסן, –
מיין מאַמע, –
קרימט די שטיקלאַך פּנים
קברדיק,
רופט בעטנדיק,
ווייטאָגדיק
מיט די ביינער־הענט צו מיר,
שרייט, שרייט אָהן אַ קול,
רייסט זיך אָהן אַ פּיצל קלאַנג :
„דאָס שטעטל ברענט !"
„קום אַראָפּ !"
„קום אַראָפּ !"
און בעט מיט די פאַרביטענע אויגן,

ווייטאָגט מיטן קברדיגן אָנבליק,
גלייך זי וואָלט געקאָנט שטאַרבן נאָך אַמאָל,
אויסגיין נאָך אַמאָל.

וואָס ביסטו אויפגעשטאַנען,
מאַמע ?
אַוועק, אַוועק דיר !
כ׳וויל ניט אַראָפּגיין !
כ׳וויל צו דיר אין גרוב ניט ! —
גיי, בייט זיך אָפּ מיט די אויגן !
כ׳וויל צו זיי אין הענט ניט !

אַוועק, אוועק דיר,
כ׳וויל ניט אַראָפּגיין —
מיר איז דאָ גוט אויף די באָנטינעס־דראָנגעס.

קוק, איך פינטל מיט די אויגן

קוק, איך פינטל מיט די אויגן — אַ ? —
מיין שכן זאָגט, אַז איך בין טויט,
אַז מ'האָט מיך דערהרגעט, —
זאָל איך גלויבן אים, — אַ קריסט ? —
שרצים מיט גרינע אויגן־שטעכער רייצט מען אָן אויף מיר.
כ'האָב ביינאַכט פון בעטגעוואַנט
אַלע ציכן אָפּגעצויגן,
הונדערט מאָל געמאָסטן זיי,
הונדערט מאָל פארשטאָפּט די פענסטער, טיר.

כ'האָב שטאַרק מיט האַנטיכער פאַרפרעסט מיין קאָפּ.
ד'גאַנצע נאַכט זיך איינגעהערט. —

...האָבן שרצים געשאַרעוועט
אין דרויסן ביי די ווענט –
מיט גרינע שטעכער־אויגן — שרצים.

שרעקט אַזוי מיין שכן מיך, אַז איך בין טויט,
אַז מ׳האָט מיך דערהרגעט, –
זאָל איך גלויבן אים – אַ קריסט ? –
קוק, איך פינטל מיט די אויגן – אַ ?

לאָז די קינדער ניט אַריין צו מיר

לאָז די קינדער ניט אַריין צו מיר.
גיי. —
גליהט מיין קאָפּ, צי גליהט ניט —
אַזוי־אָ וועל איך ליגן.

גיי.
לאָז קיינעם ניט אַריין צו מיר.
קיינעמס עסק — אויפן בוידעם אַ יאַריד!

כ׳שריי דען, קינד? —
אַ קעסטעלע מיט זאַמד, זאָג איך, זאָלסט מיר שטעלן.
בין ניט צערייצט: —

די פענסטער נאָר פאַרהענג,
טיר פון דרויסן־זייט פאַרבינד
און פריי ביסטו —
אויב גוט איז דיר צו פריי זיין.

ניט זאָרג, ניט זאָרג: —
איך בלייב ניט עלנט,
כ'הער דאָס וואונדערליכע קלאַפּן
פון זעהר פיל,
פון גאַנצע געסלאַך
קינדער־הייזער.

פון יתומים־הקדשן —
האַרציגע קולעכלאַך,
ביטערע וואַקלענדיגע שפּילערייען.

זאָרג ניט, קינד מיינס,
איך בלייב ניט עלנט, —
מאַך איך נאָר די אויגן צו,
שווידער איך אַרום,

צאַפּל איך אַרום,
מיט אַלע פרייליכע און לוסטיגע פאַרשווינען,
אין הייליגן גאָרטן־וואַלד, —
אין דולן.

אויף גלאָז פון אויסגעזועצטע פענסטער

אויף גלאָז פון אויסגעזועצטע פענסטער,
אויף צעשמיצטע שטיקער מיה,
וואַלגערט זיך מיין פיצל קינד
מיט פוכקע בלויע פיסעלאַך,
מיט פאַרביסנע קולעקלאַך אין שטויביג בלוט.

וועמעס איז דאָס קינד ?
מיין גולמיש האַרץ איז טויט —
א טויבער וואָרצל. —
וועמעס איז דאָס קינד ?

כ׳בין קיין טאַטע ניט געווען.
כ׳האָב קיין מאַמע ניט געזען.

אין גאַסן וואַלגערן זיך פלעשער נאָר,
אויסגעצאַפּטע פלעשער,
מיט אָפּגעהאַקטע העלזלאַך,
מיט שמוציגע פאַרשטעקלאַך.

וועמעס איז דאָס שמוציג קינד
מיט בלויע, פּוכקע פיסלאַך?

רויטע ווענט

רויטע ווענט אַרומגעשטעלט
אַרום מיר,
מיט בלוטיק־געווער באַהאַנגען די ווענט.
מיט בייזווייליק כתב,
סכנותדיק כתב, באַשרומפּן די ווענט:
„אַ שלאַנג קריכט צום בויך...
אַ בויך פול מיט טומאה".
קוק איך פאַרבלוטיקט צום פירעק דעם ה'מל —
רויטע ווענט אַרומגעשטעלט
אַרום מיר.

...און דאָרטן, פון יענער זייט
פאַלטערט דער זומער,

פאַטשט מיט אַ פרישן און זוניגן רעגן
אַ פרייליכע ברכה
אויף טאָלן און בערג.

דאָרטן, פון יענער זייט
ציטערט דער זומער, —
ער וויל ניט פאַרשווייגן
זיין גלי און זיין צאַפּל,
זיין טוי פון שוואַרצאַפּל,
זיין העל פון שוואַרצאַפּל,
ער וויל ניט פאַרשווייגן
דאָס זונענדיג וועבן,
זיין לעבן, מיין לעבן
און לעבן פון קריכיגס פון ריזיגע בערג.
ער רופט מיך, און ציהט מיך
און ציהט די נשמה: —
„הער! —
וואָס קומסטו ניט, פריש איז מיין קוואַל —
כלינעט מיט ליבע,
מיט צוויטשער,

מיט פרוכטיגן ווינט! –
וואָס האָסטו דען אַנדערס פאַר האַרץ?
פאַר בלוט? פאַר געביין?
יינגל דו מיינס?"

זומער! מיין זומער
פון יענער זייט וועגט! –

— אַ יאָר הוילע הייל! אַ יאָר טיפע הייל
טראָגט מיין געמיט!

איך בין אַ פאַרשאָלטנס,
באַהערשט פון אַ חפציה,
סע ציהט מיך, סע יאָגט מיך,
פאַרדרייט מיר די יאָרן,

זומער, מיין זומער
פון יענער זייט וועגט! –
איך בין אַ פאַרשאָלטנס
מיט אַלע פאַרשאָלטן –

מיט זומערס, מיט ווינטערס,
מיט פריהלינגס און האַרבסטן,
באַצווינגט פון אַ פּחד
אין יאָר הוילע הייל,
אין יאָר הוילע הייל.

בענקשאַפט? ווער בענקשאַפט?
מיר נעמען פאַרגייען
אין טיף און אין אונטער דעם וואָלקן,
אַלץ דעקענדן וואָלקן.

ווען ס'זאָל ניט זיין אַזוי פיל ראָגן

ווען ס'זאָל ניט זיין אַזוי פיל ראָגן,
וואָלט פחד ניט געשטאַנען אומעטום.
וואָלט ניט געשוואָלן אַזוי גיך מיין האַרץ,
וואָלט עס, אפשר, ניט געשפּאַרט אַזוי
אין האַרטער ברוסט,
אין די שטעכעדיגע ריפּן־ביינער.

ווען ס'זאָל ניט זיין אַזוי פיל ראָגן,
וואָלט פחד ניט געלאָקערט אומעטום.
זעהסט ?
מיין ברוסט־בלאַט ברייטערט זיך און ברייטערט
וואָס הייסט עס, אַ ?

בײַ אידיאָטן, דאַכט מיר,
ברייטערט זיך אַזוי דער ברוסט־בלאַט.

שטײ ניט מיט אַזאַ פֿאַרקנייטשטן שטערן,
אויגן אַשיקע! —
אַנו, ס'איז דו —
שוין אַזאַ אַלטע, אַלטע, —
נעכטן ערשט דאָך האָט מען אונז געבענשט,
און מזל־טוב אונז אפּגעגעבן,
אַך —
ווען ס'זאָל ניט זײַן אַזוי פֿיל ראָגן.

וואָס שפּאַרט דאָס האַרץ אין מיר? —
נו, זעה אַליין: —
ס'האַרץ־געשווילעכטס וואַקסט,
פֿילט אָן מיר אַלע גלידער,
בין קײלעכיג געוואָרן
און ווייך־פעטיג,
אַן עקסל אַ געשטאָפּטס —

וויין ניט, וויין ניט,
בעסער זאָג:
„קיין בייז אויג זאָל דיר ניט שאדן".

ס'זאָל נאָר ניט זיין אַזוי פיל ראָגן.

בין געוועזן דאָרט, אויף יאַרידים

בין געוועזן דאָרט, אויף יאַרידים,
דאָרט, ביי פחד, מרה־שחורה,
איך מיט נאָך פיל פיינע ברואים,
מיינע אייגענע
און ליבע, —
האָב געוואַנדלט,
האָב געהאַנדלט,
הייס און האַרציג —
וואו מיט פיין און וואו מיט מורא.

אָפּגעמאַכט און פעסט פאַרחתמעט
גאָר אויף דורות, לאַנגע יאָרן,

פ׳ווייטע וואָרן

קוים אַוועק פון די יאַרידים –
אָפּגעשפּאָרט אַ פּיין פאַרמעגן:
גאַל און שנאה, קאַליע אויגן,
און אַ נאַקן איינגעבויגן
אויף אים טראָג איך —
(קיינער זעהט ניט,
זאָל ניט זעהן!) —
אויף אים טראָג איך מיין פאַרמעגן.

קוים אַוועק פון די יאַרידים
מרה־שחורה.
קום איך, זעה איך:
פלאך נאָך טאָגיג,
פלאַך נאָך בערגיג,
פלאַך נאָך זוניג,
און בהמות — רוהיג, רוהיג.

פלאַכן־גייער — גלייכע אַקסלען!
און די פּנימער — גאָר געוואַשענע!
און בהמות רוהיג — רוהיג.

פון יאַרידים בין געקומען
וו׳הין זשע גיי איך? —
קערנער פולע, זיי, צעזיי איך, –
פון מיין האַנדל, מיין פאַרמעגן!

זון!

זון!
אַזוי פיל בעטלאַך! — —
זון ליגט קראַנק אויף אַלע בעטלאַך?
איך אויך?

·· פון אָפּגרונט קום איך,
קוים זיך, קוים אַרויפגעהויבן,
טיפע טיפן שלעפן אַזוי שווער אַראָפּ —
קערפּער־שווערע טיפן.

זון, לעק מיך אַרום,
שלעפּ אַרויס פון מיר דעם אָפּגרונטס אַנקער!

וואָס געדענק איך?
קוים, קוים, קוים:
מיין קאָפּ —
פּייער אויפגעקלאַפּט,
אויגן — קרום־שטום,
רויע שטיקלאַך פלייש — צעצויגן,
בין געזונקען, זונקען, זונקען,
אינם זינקענדיקן אָפּגרונט.

גאָר־גאָר אַ שוואַכינק פּינקל:
„איך",
„היים"
האָט געזיידלט זיך,
געלאָשן
צווישן פּייעריקן שטיינער־רעגן אינם קאָפּ:
„איך",
„היים"
און פאַרזונקען, זונקען, זונקען,
אין די אָפּגרונטן פון זינקען.

אין מיין אינוועלט, אין מיין אויסוועלט

אין מיין אינוועלט, אין מיין אויסוועלט
האָט זיך שווער באַזעצט
אַ טויבער נעפּל,
פאַרדומפּטע טויבעניש.

האָב איך טויבע טריט,
טויבע גלידער, בלוט,
טויבע אויגן, אויערן —
ס'איז געדיכט פאַרשטאָפּט מיין הויז,
די טיר און טויערן.

זעלטן ווען, און זעלטן נאָר,
טוט מיין טויבקייט זיך אַ ריר.

כ׳קום צום זינען און דערפיהל:
אין מיין טויבקייט צוקט אַ פיין׳
אַ פיין אַ מענטשליכע׳ אָהן גרונט׳
צעפּאַטשט מיין בלוט מיין טויבס׳
און קרייהט׳
נאָר אויך די פיין גייט אויס׳
גייט איין׳

איבער חורבות־מויערן —
טויבע בלאָנקענדיגע שאָף׳
אויסגעדאַרטע׳ אומגעשוירענע
זוכן שוץ ביי פרעמדע טויערן —
פרעמדע פּאָכן מיט דער רוט׳

שפּאַנט אַרום אַ טויט פון טויבעניש׳
מאָלט און פאַרבט מיט טויבער טויטעניש׳
מיט בלוטיג טויבעניש
אין מיין אינוועלט׳ אין מיין אויסוועלט׳

אויב דו ביסט פאַראַנען

אויב דו ביסט פאַראַנען,
אויב דו פינקלסט ערגעץ אין אַ הייל,
און קלייבסט אָן כוחות
אויפצוהויבן אַלע קינדער
פון די נידריג־בייזע שוועלן;

אויב דיך ציהט, דיך נאָגט
דעם שפּיגל־פּיין דערזעהן,
דעם שפּיגל־פּיין פון אַלגעשטאַלטן מיינע, —
איך בין נישטאָ!
איך בין נישטאָ! —

גאָר קאָנסט אַרויסרופן
מיינע וואַקלענדיגע שאָטנס
פון די אָוונטן — בית־עלמינס ...
גליווער איין.
גליווערדיג זינק אין זיך,
רוף אין זיך:
„קינד,
„קינד אין טויטע פיל געשטאַלטן,
„דערהרגעט קינד,
„דיין טויט געשטאַלט באַווייז,
„קינד אָהן אָנהויב,
„קינד אָהן ענדע,
„קינד!

פאַר קלאָגיק־גראָהינקן קאָבזאַר

פאַר קלאָגיק־גראָהינקן קאָבזאַר,
פאַרלאָזטן ברונים,
האָב איך שפּלדיג געוואַרט
אויף טויט אויף ברודנעם,
וואָס טראָגט אויף מיר זיין פאָלק באַקלאָגטס.

כ׳האָב די זייטלאַך בלינדיגע געמישט,
געגאַרט, מיט גאָרע אויגן,
ווי מיט מאַגנעטן,
צוגעצויגן יעדער וואָרט.

דער אַלטער קלאָגט צו מיר:
„מיין פאָלק מיט גליווער־קעפ,

אין רעדנעס איינגעהילט״ ...

איך צום אַלטן בלוטיג:
„דיין פאָלק זיין פלעקער־קאָפּ,
דיין פאָלק זיין העלצער־קאָפּ
צעקלאַפּט האָט אויף מיין גאַס אַציַנד.
אויף לעביג־וואַרימער, מיין גאַס. —
פאַר וואָס ?
פאַר ווען ?״

דער אַלטער קלאָגט אַליין,
דער אַלטער בלייבט אַליין ...

ביים קלאָגיג־גראָהינקן קאָבזאַר,
ביים אַלטן ברונים,
האָב איך שאָטנדיג געוואַרט,
שפּלדיג געוואַרט,
אין דולער משופּע־וואַקסנדיגער טויבקייט.

מיר וואָגלען

מיר וואָגלען, —
אין אָוונט איז דער שווער פאַראומערט,
שטאַרק פאַראומערט — נאָגט אַ וואָלעכש —
נאָגט אַזוי — אַן אַנגסט באַשלאָגט אַזש!
ער פאַרגעסט די שטוב פאַרלאָזטע,
און די מאַקרעטעס פון האָניג,
דעם אַוועקגערויבטן פידל.

בעסער אים ניט איבערפרעגן,
וואָס אים ציטערן די וויעס,
וואָס ער נאָגט אַזוי אַ וואָלעכש, —
ער וועט שווייגן און וועט שמייכלען.

אָבער מיר איז מאָדנע פריקרע:
ווי זשע בענקט אַ מענש באַיאָרטער
נאָך אַ פּאָרל באַרן־בוימלאַך,
וואָס אין שטיקעניש ביים פענסטער,
דאָרט, ביי שטוב פאַרלאָזטער?

און אַז איינגעפלאַנצט אַליין זיי?
און אַז ערשטע פרוכטלאַך, באַרלאַך,
אויף זכרון זיי באַהאַלטן?
און אַז איצט שוין וואַקסט אַ צעהנדליג,
און אַז סיפּקע, בארן־בערן,
און אַז ליכטיגע אַזש העלע? —
ס'איז דאָס הויז דאָך דאָרט אויף הפקר
און מע שינדט די הויט די זיבטע! —
ווי זשע בענקט עס אַ באַיאָרטער
נאָך אַ פּאָרל באַרן־בוימלאַך?

אָט ביסט דאָ שוין לאה, שיקסל,
טו זיך אויס שוין, וואו געווען דען? —
„ששש··· אין דר'היים דאָרט··· גיב דעם אויער: —

פראָקיפּ ··· ס׳זאָל אים ··· פּראָקיפּ נאַסטיעס ···
אויסגעריסן אַלע באַרן׳
אי די פּאַרטיגע ··· די גרינע ···
— ששש ··· דער פּאַפּאַ גייט אַהערצו ···
גיט דערוועג זיך ···
ששש ···״

אין עולם התוהו

I

דעריבער׳ דעריבער
גליווערט זיין מוח׳
גליווערט אין ווייטאָג׳
שווייגט אינם נעפל׳
האַרץ זיינס געפּענטעט׳
רייסט זיך מיט פליגל׳
מיהט זיך אַ הויב־טון׳
אים האָט מען דרהרגעט׳
רוהט ער מיט מתים׳ –
זיפּעט זיין האַרץ נאָך׳
בלאָנקעט ער אום נאָך׳

גליווערט זיין מוח,
גליווערט אין פינסטער,
שווייגט אינם נעפל.

II

ווי איםֿ אוי, ווי אים!
טרעפט ער אַ הינטל,
טרעט ער דעם וועג אָפּ. —
שפּאַנט ער אויף צווייטן,
טרעפט ער אַ הינטל.
ציהט זיך זיין וואַכן —
דולעניש נישטיגס:
נעפל אין טונקל,
טונקל אין נעפל.

III

האָט ער נאָך אויגן,
הויבט ער נאָך אויף זיי, —
רירט זיך ניט מוח,
וויל זיי ניט טרייבן.

האָט ער נאָך אויגן –
ווער זאָל זיי לעשן ?
ווער וועט דען וועלן ?

IV

האָט ער נאָך אויגן —
זעהט ער קיין שטורעם,
זעהט ער קיין שיפן
גייען צו גרונטן,
זעהט ער קיין קעמפעס
וואַקסן פון גרונטן. –

גליווערט זיין מוח
דול און מורמילעש.
ווי אים, אוי, ווי אים,
ס׳וויל אים קיין דונער,
קיין דונער ניט טרעפן !

V

סע שטעלט אים אויף שפיץ־פיס –
ער שרייט איבער קוימענס,

הערן אים וועגט –
„מוח פאַרגליווערט!
בלוטיג־פאַרגליווערט!"
הערן אים וועגט.

צוייטער טייל

אָפּגעטרייסלט זיך

אָפּגעטרייסלט זיך
פון שאָטנס ווייען און פון שטויבן, —
טרייבט מיך זונען־ווינט צו אייך אַנטקעגן:

— אַ גוט־מאָרגן, זקנים,
הינט און קוואָקעס,
באַנקבעטלאַך און הירשן און בייכיגע לאָפּעטעס,
אַ גוט־מאָרגן אייך, אויף זייטיג
אויף צעקרימטע שטעטל־וועגן,

אַלץ מיט פּעקלאַך נאָך,
מיט מוטנעם גורל אין די מוטנע אויגן?

אַלץ מיט נאָך געבענשטע דיכן:
„זיך פרוכפערן און מערן״!
אַלץ וואונדערליך געבענשטע נאָך
אויף וואָגלען, צו אַלץ זיך צורירן
און אַלץ אויפצורירן? —

אַ גוט־מאָרגן —
טרייבט מיך זונען־ווינט
צו אייך, אַנטקעגן!

טראָג איך אייך
אויף א יונגן אַקסל, זאַנגען,
אַ לאָגל, אויסגעקעלטערטע געזאַנגען,
אַ גוטן, יונגן חלום
אינם אויפגיין פון מיין האַרץ.

צעוואַרף איך, צעשיט איך, צעשפּרייט,
צעבלאָז און צעווייה
די ברכה, די בשורה, די פרייד —
פון חלום מיין יונגן,

מיין גוטן —
אייך —
אויף זייטיג, אויף צעקרימטע וואָגל־וועגן,

פֿאַר אייך טאַקע, אַלטע מבינים,
פֿון לויטערן, זוניגן ווײַן, —
בין איך אַ בלינדינגס דערקראָכן
צום אויבערשטנס גנאָד;

האָב איך אַ קלייניגקס,
אַ דאָרשטיגס,
געזויגן די הייליגע ברוסט,
בין איך אַ מילגרוים געוואָרן,
פֿול האָניג, פֿול קליי און פֿול זון,

אַ פֿרוכטיגער קום איך אַצינדער
מיט זרע, מיט טוי און מיט ווינט,
איך טראָג אייך די בשורה די גרויסע
פֿון ערשטן, פֿון ליכטיגן קינד!

כ׳ברענג אייך קמיעהלאַך־גרוסן
פון ליכטיגן קינד·
סע רופט אייך שוין „טאַטע״ און „מאַמע״
און קושט אייער פיין·

טוט די קמיעהלאַך אָן אויף די העלזער
אין וואָגלען געדענקט:
דאָס ערשטע׳ דאָס ליכטיגע קינד
איצטער׳ ווי שטענדיג —
איז אייערס וועט זיין!

אונז, די שפּעטסטע

אונז, די שפּעטסטע,
איז צוגעזאָגט געוואָרן:
דאָס ווילדעניש וועט ווערן אויסגעראָטן פון די פעלזן,
אַ פרייִדיקער געלויף פון לינדגעוויקס
וועט אים אַרומכאַפּן,
פאַרהילן,
אַ לויטער קוועלעכל לעבעדיקע וואַסער
וועט מיט פרייד אַרויסכלינען פון באַרג.
מיר וועלן לייטערן אין דעם
די אויסגעדאַרטע גופים —
די לאָגלען טרוקענע אָנפילן מיט דעם.

איך קאָן ניט זען,
איך קאָן ניט הערן!

די פעלזן שפּאַלטן זיך און קראַכן —
קראַך־בראַך, פעלזיק־דונערדיק!
פון גרויער פייער־היץ פון שפּאַלטן
שפּרינגען אַרויס שטיקער שרצים־געשטאַלטן.
פון קאָכיק, ברודיק בלוט
שפּרינגען אַרויס פון רויכיקע שייטער־אויוונס,
אַרויס און צוריק.

וו׳הין זאָלן מיר לויפן?
מיר — מוזיניקלאַך, —
אַז אויף די קראַכנדיקע פעלזנשפּיצן
שפּרינגט און פלאַטערט אונזער ציטריק פענדל?
אַז די קנעכלאַך זיינען נאַקעט?
אַז דער צוזאָג ווערט אין אונז דערוואָרגן? —
וו׳הין זאָלן מיר לויפן?

אפשר איז אונז עפּעס אַנדערס,
גאָר אַן אַנדערס צוגעזאָגט געוואָרן
און דאָס איז נאָר די פּרואוו,
די שווערע פּרואוו דורך שווערד און פּור׳עניות! —

קינדער־יתומים — האַרבסטיקע בלעטער

קינדער־יתומים — האַרבסטיגע בלעטער,
מיט אויגן, וואָס ווייסן
דעם שאַרף פונם טויט.
מיט הערצלאַך פאַרטיפטע
מיט בלוי־רוים ביז גרונט.
מיט אָדענעס שטייפיג
געאָדערט צום לעבן,
געבענשטן צום זיין. —
קינדער־יתומים — האַרבסטיגע בלעטער,
הויבט אויף די קעפּ!
אייביגנס אויג היט
טרויריג אייך אָפּ.

אַ פייערל פליסלט
אין טיף פון זיין אויג...

די וויסטע פאַרדאַרבער,
גרויסע און זאַטע,
פּאָפן ביים שענק, –
קינדער־יתומים – הויבט אויף די קעפּ!
שפּאַנט זיי אַריבער
מיט וואַנדערן־פּיסלאַך –
צום יין־המשומר,
צום אייביגן ווייַן!

קינדער־יתומים – מיט שלאַנק־שטאָלצע קעפּ!
פון יין־המשומר,
פון אייביגנס היילן, –
מיט העלע געמיטער
שפּאַנט זיי אַריבער,
די שיכּורע פּעפער –
און קומט פאַר דער וועלט!...

און פעלקער מיט קלומעקלאַך

און פעלקער מיט קלומעקלאַך
און הויקערס אויף די פּלייצעס
זיין׳ פאַר אונז אַראָפּ
און אַרויפגעגאַנגען,
צאָרנדיג אויף אונז געזאָטן, —
מיר האָבן ניט געפינקלט מיט די אויגן,
ניט מיט טענץ און ניט מיט פּויקן,
ניט מיט קעץ אונטער די פּאָלעס,
ניט אַרויסגעגאַן אַנטקעגן, —
נאָר איינגעהאַלטן,
איינגעהאַלטן טיף דעם אָטעם.

ווייסט:

סע קלויבט זיך אָן

סיי גאַל, סיי בלוט,

סיי גרויסע בענקשאַפט, —

(פון אַל׳מאָל טויטן,

פון אַל׳מאָל לעבן), —

סיי פיל בענקשאַפט,

סיי פאַרשמאַכטקייט —

גרויסער שכר!

סע קלויבט זיך אָן! —

מיר וועלן אויפשטיין מיט שטורעם

איבער גאָרע, גאָרע וועלטן!

א וואונדער שווערן אויפשטאַנד

אויף קליינס און גרויס,

וואס האָט געמעקט דעם שם אויף וועלט,

דעם שם פון מענש!

ווייסט:

יאָר־טויזנטער

מיר האַלטן איין דעם אטעם,

יאָרטויזנטער
איר טובלט זיך
און לייטערט זיך
אין אונזער איינגעהאַלטענעם אָטעם!

טראָגט די שטאָט איר שווערן גורל

טראָגט די שטאָט איר שווערן גורל
פאַר דעם וויסטן טאָג און נאַכט,
ציילט זי שטיל די יאָרן איבער
פאַר דעם וויסטן טאָג און נאַכט. —
זאָגט אָפּ ווידוי,
שליסט די אויגן,
טראַכט:
„כ'וועל צו חלום אפשר קומען
„יענעם זון־קוואַל
„אינם ווייטן פרייקייט־פריה,
„איך וועל זאָגן:
„זון קוואַל־לויטער,

„איך בין חלום
„פון אַן אַלטער
„שטאָט אַ טויטער,
„יידן־שטאָט.

„אין פאַרשטאָפּטן לאַנד געאָטעמט,
„פון פאַרשטאָפּטן פאָלק פאַרפייניגט,
„יידן־שטאָט״.

„וועלן קינדער אפשר קומען
„ביי דעם זון־קוואַל פירן שפילן,
„און פון זון־קוואַל הערן מעשיות, —
„און ביז טיפן האַרץ פאַרשווייגן
„אָט דאָס פאָלק פון לאַנד פאַרשטאָפּטן,
„און ביז טיפן בלוי געדענקען
„און אַ לידל צערטליך זינגען
„נאָך דער טויטער שטאָט, דער אַלטער
„יידן־שטאָט.

זיי שטופּן מיך, שטופּן מיך

זיי שטופּן מיך, שטופּן מיך, שטופּן אַהינצו.
רייצן דעם טאָג און די נאַכט אָן אויף מיר –
קריך איך מיט ברידער, מיט שוועסטער אַהינצו,
יוגנט אַהין.

מיר שעמען זיך גאָרניט,
פֿאַר וועמען די חרפּה ? –
מיר פֿאַלן, ווי הינט, דאָ
אינמיטן בייטאָג.
מיר קינדער־נזירים,
אין שווייגנס פּאַרטיפֿטע –
מיר קוקן אַריבער

דעם הינטישן טאָג,
מיר, סעדעכעס אַלטע,
מיר בייסן, מיר רייסן,
מיר האַווקען, מיר קללהן
און פאַלן אַנידער –
פאַר וועמען זיך שעמען ?
פאַר הינטישער וועלט ?

... צי מיטגעמען וועל איך אַהינצו אַ שנאה, –
אויף עפּעס,
אויף עמיץ,
אַהינצו, אין אייביג, צו זון און צו ים ? –
... מיין האַרץ איז א קינד דאָך ! –
אַ שפּילכל פאַרנעמט עס,
אַ שטראַלכל פאַרבלענדט עס,
אַ מאַמעשיס שמייכל פאַרהיילט דעם די וואונד.
ווי קומט צו דעם שנאה ?
מיין האַרץ איז אַ קינד דאָך,
אַ קינד.

... נאָר זאָלן די היצלס,
די פּיינט און די שונאים,
ניט וויסן, ניט וויסן,
אַז האַרץ מיינס — אַ קינד איז.

דערמאַן איך זיך ווען נאָר
אָן זיי, מיינע היצלס —
שפּרינגט אויף מיין האַרץ — אַ להוטע חיה,
אַ הונט אַ צעקאָכטער,
זיך רייסן און בייסן,
באַהאַוועקן, באַקללהן
די הינטישע טעג!

גרויסע, מעכטיגע וואנט

גרויסע, מעכטיקע וואַנט,
טויבע, אַרויסגעוואַקסענע פון תּהום,
טויבע וואַנט.
פאַרוואָס? —
פאַרוואָס מיט איין קאָפּ,
מיט איין האַרץ,
מיט איין גרייזן גאַרטל אויף די לענדן,
לאָזטו אונז גיין
מיט אַזוי פיל פיס אויף דער וועלט? —
מיט אַזוי פיל פיס?

טרייבסט אונז —
בשורה באַקומען

פון הימלס ברודיק־לויזע קאַליזשעס!
אויף שטיין ־ געהאַרטעוועטע הרודעס
אַ גאָרטן פון שטערן פאַרפלאַנצן!
מיט טראַכטן פאַרשקוואַרטע —
פאַרגייען אין טראָגן,
שמעטערלאַך לעגן! —
און כאָוועץ זיי, זויגן
מיט אברים פאַרדאַרטע!

האָבן מיר דורות געגעבן
גייער און פירער,
וואַרימע לעבנס פון דורות געשטרעקט,
שיער־שיער דערגרייכט. —
פאַרוואָס זשע וואַקסטו אומעטום אויס?
וואַנט, טויבע אַכזריותע וואַנט!
ביים ערשטיגן שאַרף שוין פון שיין
טוסט זיך דיין שטיינערנעם שטעל,
דיין טויבן, דיין מעכטיגן שטרעק!

צעדמט ווערט אונזער קאָפּ אין דיר,
ס׳האַרץ שרומפּט זיך אין אַ קנויל, —

און מיט די אַזוי פּיל פּיס
מיר קלעטערן אויף דיר,
וואַרפסט אָפּ – מיר קלעטערן!
וואַרפסט אָפּ – מיר קלעטערן! —
דער זיידענער גאַרטל
שניידט זיך טיפער, טיפער איין אין די לענדן.

איך ווייס דו ביזט טויב. –
לאָזט אונז ווייטער גיין
מיט אַזוי פּיל פּיס אויף דער וועלט.
איך ווייס דו ביסט טויב.
איך ווייס: —
די, וואָס קומען, קומען פון אונזער דיך,
וועלן דיך אַריבער.

איינס, אַ זונדעלע, אַן אונזערס

איינס, אַ זונדעלע, אַן אונזערס,
וואָס ביי זיי אַ ציטעריגער, איינציגער, —
גייט אַרום צעבלוטיגט און צעהרגעט
פון אָרט צו אָרט
אין גאַנצן לאַנד.
אונזער ליידן אין זיין בליק,
אונזערע יסורים און סבלנות אין זיינע אָדערן. —

ער שטעלט זיך אָפּ פון ווייטנס
און קוקט פון ווייטנס פיינעדיג
אויף יעדער יידיש הויז
און שמעקט נאָך צייכן־טריט

פון קינדער יידישע·
און זוכט און וואַגט ניט צוצוגיין·
און קוקט און וואַגט ניט צוצוזעהן·
און גייט פאַרבלוטיגט אום
פון אָרט צו אָרט·

פאַר יעדער אויפגעהאַנגען בילד זיינס
אויף וועגן· אויף פאַרקערן·
ער שטעלט זיך אָפּ·
קוקט זיך איין·
קוקט זיך איין
און גייט פאַרבלוטיגט אום
פון אָרט צו אָרט·

און מאָל צו מאָל
ער רייסט אַראָפּ זיין אייגן בילד·
צעבּרעכט אויף פיצלאַך עס
און וואַרפט אין אויפגערירטער סליאָטע־בּלוטיגער·
און נויגט אַראָפּ זיין געלן קאָפּ

און לאָזט אַראָפּ פֿאַרחלשט הענט
און קוקט זיך איין.

...און שטעלט זיך אָפּ —
פֿאַר יעדן גלחס הויז,
פֿאַר געצעלטן הייליגע
פֿון גייסטליכע און פּאָטערס: —
ער קרייצט זיי אויף די ווענט
מיט שטומער גאַל
מיט ביטערער, —
קרייצט זיי טיפֿע שוואַרצע בושה־צלמער.

פון ניט־זיין צו ניט־זיין

פון ניט־זיין צו ניט־זיין,
אין פאָרם פון מענש בין איבערגעגאַן;
פון ניט־זיין צו ניט־זיין —
בין אַ צאַפּלדיק לעבן געווען.

ציהט זיך אַ בעט איבער ערד,
ראָד אַרום ערד.
ציהט מען מיך, פיינענדיק־פּיין,
ראָד אַרום ערד.
ציהט מען מיט צוואַנגען מיין לייב,
צאַפּלדיג לייב.
צוימט מען מיין קאָפּ צו די פיס,
ראָד אַרום ערד.

פון ניט־זיין צו ניט־זיין —
אין פאָרם פון מענטש בין איבערגעגאַן;
פון ניט־זיין צו ניט־זיין —
בין אַ צאַפּלדיק לעבן געווען.

און ציגײנערס אויך

און ציגײנערס אויך? —
מיט זעק, מיט פעק,
מיט פולע רעדנעס
שלאַנק און װאוקסיג,
פול מיט לשון.

רירעװדיגער פון די הענט
אַרבעטן די שװאַלבן־אויגן,
גאַרן און באַגערן:
פון קינדס קאַרדאָנדל,
װאו קעצלאַך טאַנצן אין אַ ראָד, —

ביז מיין העמד מיין שווייסיגס לעצטס,
וואס כ׳טראָג אויף זיך.

רירעוודיגער פון די הענט
אַרבעטן די שוואַלבן־אויגן,
פלאַם ציגיינערשער, דאָרשט און גלוסט.

ליבער עפּעס זיינען די ציגיינערס מיר
און מאָדנער מיר. —
שלעפּן זיי מיין העמד פון לייב? —
ניין,
אַליין דאָך ציהט זיך עס צו זיי,
אַליין
מיין לעצטס און שווייסיג העמד.

··· אַ שטייגער,
אָט שרייען זיי אויף,
אויף גנבישע פערד
יאָגן און יאָגן —
ניט אויף וועגן, ניט אויף שטעגן,
אויף ד׳רוח וויסט וואוהין!

... אַ שטייגער, שפּעטער
פאַרקנעטן מיר לעקעכער
און גרייטן מיר נאַקעטע —
כבוד אויף התונות, —
קומען זיי פריילעכע,
מיט טאַזן מיט מעשענע
און לעגן אונז פּאָר:
„פאַניע,
צען גריוועניעלאַך!"
נאַקעטע, שמייכלען מיר:
„זיכער געגנבעטע."
זיי גייען אַזוי פון אַ שוועל
צו אַ שוועל.

אַז איך דערמאַן זיך אָן בעל־שם־טוב

אַז איך דערמאַן זיך אָן בעל־שם־טוב,
אָן באַהעלפערל ביים דרדקן מלמד, —
טראָגט די יינגעלאַך פון חדר
אויף די פּלייצעס, מאַכט אַן אומוועג,
לעגט און לעגט אַזוי פיל גאַנג אָן —
נאָר אַבי דורך פעלד זיי טראָגן,
פעלד זיי ווייזן, וואַלד אַנטפּלעקן, —
נאָר אַבי מיט פעלד אין אויגלאַך,
ברענגען זיי צו מאַמעס פאַרטוך —
צו די ביינערנע מזוזות.

אַז איך דערמאַן זיך אָן בעל שם טוב,
זיין אָרים וועגעלע, —

דאָס פירן ליים אין שטעטל.
אַז איך דערמאָן זיך —
אוי, בעל־שם־טוב ! —
ציטריג, ציטריג קלינגט דיין קולכל,
קוויקט, צעגייט אין יעדן אבר :
פרישער פריה און יונגער וואַלד
און שייפלאַך־קאָפּעטקעס
אַראָפּ אַ באַרג !

אַלע נאַקטע קינדער,
דאַרע־שקוואַרע ברוך און ביינדלאַך —
האָבן מיך געשיקט
דיר לאָזן זאָגן :
„בעל־שם־טוב האַרציגער,
נעם קיין ליים ניט אָן היינט
אויף דיין אָרים פערד און וועגל !
צוליב וואָס ? — די קעפּלאַך
ווערן סיי ווי סיי פאַרוואַסערט אונז״.

נאָכדעם ווי דער ערשטער שלאָף

נאָכדעם ווי דער ערשטער שלאָף ביינאַכט –
דער וואָלקן בליי,
האָט שוין זיך דורכגעזויגן
שווער דורך מיינע גלידער,
טאַפּ איך אָן זיך מיטן זינען:
איך בין דאָ.

קומען אָן צו לויפן
שלעכטע קינדער,
(איינמאָל קינדער!)
אַלע שרעקן,
מרה־שחורות,

וויסטע פחדים
זיך פֿאַרשטעלט
אין קליינע קינדער,
הענגען איבער מיין געלעגער,
טאָרען מיך, און וועקן,
און דערוועקן.

אַזאַ ליבשאַפט פון לבנה,
אַזאַ לבנהשע געטריישאַפט:
נעמט זיך, צערטלט פחדים־קינדער,
גלייכט די הענטלאַך די פֿאַרקרימטע
און די פיניצלאַך זי וואַשט זיי.

ווי אַ ניאַניע אַ געניטע
נעמט זי איין זיי, ווייזט אויף מיר
און בעט זיך ביי זיי האַרציג:
„לאָזט אים שלאָפן נאָך
„דעם יינגל...
„קומט זיך שפילן:
„גרויסע שטיינער

„אין די גאַסן ;
„גרויסע גריבער
„אויף די פּלעצער ;
„אין באַהעלטערלאַך
„זיך שפּילן.

פּירט לבנהשי די פּחדים
און די שרעקן, מרה־שחורות,
איבער שטיינער, גריבער שפּילן.

איז מיר אומעטיג צו בלייבן,
גנבע איך זיך נאָך לבנה
(איר ניט אָנטאָן קיין יסורים),
שאַ, אַ נאַקעטער אַ ייִנגל
גנבע איך זיך
שטיל נאָך זיי מיט זיי זיך שפּילן.

מיינע אויגן

מיינע אויגן —
קאַלטע שטיקלאַך,
הייסע שטיקלאַך,
פאַלט אַרויס!

האָט איר דען ניט אַלץ געזעהן?
ניט געפינקלט אין סעקרעטן?
ניט מיט שטוינונג זיך צערעפּעט,
ווען דער חזיר האָט געזשליאָקעט
רויטע קאַליזשקעס אין הויף?
וואָס זשע רוט איר,
שטיקלאַך נבלה? —
פאַלט אַרויס!

כ׳מעג דיך פרעגן׳
האַרץ מיין אייגנס׳
ביזט דען מיינס?
ביזט דען ניט אַ נישטיק נגזל׳
באַלד אַנטרונען
אינם גרעבסטן אָרט מיין לייבס?

ניט געשטיקט זיך
אינם טונקל׳
גראָב־פלייש טונקל׳
דאָך געזעסן
און פון דאָרט אַרויסגעסלינעט:
„באַהאַלט מיך אויס!
„כ׳וועל נאָך קומען׳
„כ׳וועל דערציילן׳
„אין ניין היילן
„באַהאַלט מיך אויס!..״

איצט דו פלאַטערסט׳
טערעלעקעסט׳

ווייסע שפּינען אָנגעדראָדלטע,
דערקלערסטו זיך אין ליבע, —
האַרץ מיין אייגנס,
ביזטו מיינס?

אויסגעפּאַנצערט אַ געשיכטע

אויסגעפּאַנצערט אַ געשיכטע
פון מלחמה און פון ליבע
אויף דער וואַנדערדיקער ערד.
אָ, מיין איינציגס! —
קום, מיר זיינען אַלטע שמידער,
קום, מיר זיינען די געשיכטע
פון מלחמה און פון ליבע,
און מיר לעבן נאָך פון בראשית
און מיט יעדן דור.

מיר געוועזן זיין׳ שוין די שטילע
און מקובר שוין געוועזן

אין אַ שטילן אָרט.
מיר געווען זיין׳ שוין די קריגער,
און אויף שטיקערווייז צעריסן,
זיין׳ געוואָרפן שוין געווען
אין אַ ברידער־גרוב.
איך און דו אויף וואַנדערדיגער ערד
קריג און ליבע טראָגן מיר.

... סע קומט, סע קומט די בלינדע האַנט!
... זי גייט, זי גייט די אַלטע שווערד,
זי גייט פאַרוואַרפן
אין פאַרשיידנע בלינדע זייטן
אונזרע ביידנס קעפּ: —

מירן שמייכלען:
ליבע טראָגן מיר...

מיר זעהען, זעהען דאָך:
שטילע כאַפּט עס אויף
פון איינגעזעסנע ערטער,—

אין יעדן דור אַלץ מערער,
אַלץ מערער, אַלץ שטאַרקער,
שטופּט עס זיי: —
ליבע טראָגן קעגן גרויסן טאָג!
שטילע, אויף דער קריגערישער ערד,
ליבע טראָגן קעגן גרויסן טאָג!

איך און דו: —
קום, מיר זיינען אַלטע שמידער,
קום, מיר זיינען די געשיכטע
פון מלחמה און פון ליבע;
קום, מיר פאַנצערן די ליבע
פאַרן גרויסן טאָג!...
איך און דו...

ס׳וועט אַזוי ניט זיין

ס׳וועט אזוי ניט זיין!
ס׳קאָן אַזוי ניט זיין! —
ס׳איז דער גרויסער באַרג
לעבעדיג נאָך, גרויס!
און ביי אים אין טיף,
אינם שוואַרצן שטאַם,
קלייבט זיך טראָפּ צו טראָפּ,
קלייבט זיך ריזלען שטיל
קוועלנדיגער קוואַל,
מים־חיים קוואַל.

אונז איז שוין באַשערט
וואַנדערן אויף באַרג,

טאַפּן אים אַרום,
קלערן אים אַרום,
איינהערן זיך טיף,
איינקוקן זיך שאַרף.

אונז איז שוין באַשערט
קוואַל פון נייער פריידי,
קוואַל פון טיפן פריה
עפנען זאָל זיך אונז,
פאַלן אונז אין הענט.

אונז איז שוין באַשערט
זיין צוערשט אין פלאַם,
זיין די ערשטע גרייט
גיין אין וואַסער גלייך.

אונז איז שוין באַשערט
באָרוויס גיין צוערשט,
באָרוויס טרעטן טוי,

אינם פראָסט פאַרטאָג;
און די ערשטע מיר
זאָלן די ערשטע פרייד
פונם גרויסן באַרג׳ –
זאָלן דערפילן, מיר.

פון די קוימענעס

I

פון די קוימענעס,
פון וואַסער־רערן
לאָזט זיך מוראדיג הילכיג הערן:
„גולמס,
סע ברענט די הויט אויף אייך!"

לופט־מזיקים געדראָלענע,
פון פרייד און בייז,
שנאָרען להוטע אַרום,
זויפן אויס דאָס חיות פון דער זון,
און רינען מיט גיפט.

רגעס פֿאַלן – פֿאַרבלוטיקטע פיילן –
קלינגען ווי קינדערס פֿאַרוואונדעטע קולעכלאַך:
„גולמס,
סע ברענט די הויט אויף אייך!"

II

דערוועקן מיר זיך,
רייסן זיך אויף די פֿאַרלעגערטע הערצער,
וועקן זיך אויף די ריזן־וועלטן,
שטייען אויף פֿון דאָרט געשטאַלטן:
שטאָלצע קעמלען,
פֿולע אויגן מדברניש.

פיל חיילות
פֿון די נעפּלען —
שטערנדיגע שטערנס,
פעלזנדיגע קני,
יונגע טעכטער, —
הירשן־הינדן –
פֿול הכנעה

מיט די לאָגלן
פול מיט גאָט און פול מיט ווייןָ.

און אַ שוואַרצער פּאַרמעט,
ווייט צעוויקלט —
און אַ קויל פון פייער
אין אַ שטאַרקער האַנט.

III

מיר גאָלדן זיך אויס
מיט אבותעס גרויס. —
מיר זיינען אין ליידן געלייטערט.
מיר וואַקסן אַרויף אינם לויטער, —
וואקסן אַרויף,
הויבן אַרויף
אונזער האַרץ,
אונזער וואונד —
אַרויף, אינם לויטער!

מיר זיינען ווידער אַ פאָלק פון קינדער,
דאָרט בענקען אונזערע שפּילעכלאַך: —

שטערן אין שיסעלאַך.
זונען אויף קייטעלאַך.

IV

דאָרט רוהט דער שם,
די אויגן פאַרמאַכט,
פליגל צעגויפגעלעגט.
דער גרויסער שם,
וואָס באַשאַפן מיט אים
דעם ערד־פאַרנעם,
הימל־געוועלב,
אונזער וואונד,
די שווערע האַנט, וואָס זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אונז. ...
דער שם, וואָס מיר דערלייזן אים,
וואָס וועט אונז דערלייזן!

וויפיל שעה׳ן אין אַ טאָג

וויפיל שעה׳ן אין אַ טאָג ?
וויפיל רגעס אין אַ שעה ?
אין די רגעס־בליץ קאַליאָסן
זיצן פּחדים, איך טרייב אָן.

וויכער – גיכער — שמיכער – ריך,
איך דריי פּחדים, פּחדים מיך,
פּחדים טויזנט, טויזנט איך, —
רגעס פּלאַצן, בלייבן פלעקער,
אויף אַ פלאָקן בלייב איך שטעקן,
שטעק איך זיך.

וואו איז האַרט און וואו איז ווייך ?
וואו איז מענש און וואו זיין ריח ? —
אַלע זיין׳ פון געלן גלאָז׳
יעדנס קאָפּ — אַ בלינדער האָז׳ —
איך אַ שווינדל ? שווינדלער ? שווינד ?
איך אַ יאַטקע־הינטלס קינד ?
וואס ?

געשעהט

געשעהט:
די בוטאָנען פרייד און פיין צעבלעטערן,
כ׳שמעק די פריש־אַנטפּלעקטע הערצלאַך,
ס׳ווערט מיר קלאָר: —
אַז ס׳גאָר קיין נפקא־מינה,
ווער און וואָס סע רעדט פון מיר אַרויס:
מענטש,
צי סקריפּנדע פּאַרענטש,
צי נאַרישעוואַטע ציג.

דו דאָרט, ווען איך האָב ליב און פיינט,
כ׳בעט דיך, איך באַשווער:

דערפֿיל! —
דו דאָך רעדסט פֿון מיר אַרויס
צו דיר —
אַפֿילו מיט דיין ברונים־קול.

איך דאָך רעד פֿון דיר אַרויס
צו מיר —
אַפֿילו מיט מיין בייטשל־סווישטש!

ס'האָט דאָך אַ גאון ניט געקאָנט פֿאַרליידן
הינטיש בילן
טאַקע ביז דער עלטער! —
מיט וויפֿיל הונדערט יאָר צוריק האָט ער געלעבט?

און דו? —
כ'זעה דאָך, ווי דו הערסט און הערסט זיך איין צום בילן,
טיף און טיף אין זיך פֿאַרגייסט
און זאָגסט:
„בלינד דערפֿילן הינט.
זיי שפּילן זיך און בילן,"

„בילן און שפּילן זיך! –
„דערימעך גייען גאָר פון שטאָט ניט אַוועק,
„און היטן און וואַכן און ווירקן: –
„סיי דער מלאך המות,
„סיי אליהו הנביא.
„געבענשט זאָל זיין
„דאָס שפּילן זיך פון הינט,
„ווי זייער בילן".

ווען איך זעה דיך דעמאָלט,
פרייט אין מיר זיך יעדער ווייטאָג מיינער.
ביז אין ביין אַריין דערפיל איך:
מיר זיינען מיר,
און אַסך זיין' מיר,
און אַסך זיין' פרעמד –
ווי קומען זיי –
פאַר פיל טויזנטיאָריגע – אַהער?

ווער האָט עס געקאָנט וויסן

ווער האָט עס געקאָנט וויסן
וואָס׳עט זיין ?
אין נעכטיגן פאַרנאַכט האָט זיך באַרימט
דער הימל
מיט די בלויע בערן זיינע.

דערנאָך איז לויטער אויפגעגאַן פריהמאָרגן,
ביי ווייטע ברונימס האָבן פריילין,
פולע, ליידיגע געקלונגען
פאַרטאָגעדיגע עמער.
אַלע אויגן גאָר אָהן ברילן,
און די לייטערס אויף די ערטער.

ווער האָט עס געקאָנט וויסן
וואָס׳עט זיין ?

אין איינער נאָר אַ רגע
אָפּגעמעקט — און ס׳ווערט:
אין די עסצימערס — געלעגערס,
חתנס צד און כלהס צד
און יונגע נביאים
וואַרפן זיך אין היץ אויף די געלעגערס —
שוועבל רויכערט,
פּעך זידט רויט.

אַ בראַנדן־קאָפּ פּאַרגיט בהמהש רוהיג רעוויג
אַ סקאַרבאָווע שאלה —
„וואָס טויג אונז, יידן, טאַקע גאָר
דאָס לעבן אויף דער וועלט ?
צו וואָ־ע־ע־עס ?"

און צווישן מיינע שוואָגערס
דערקען איך באַלד די שיינע ליאַלקע גיטל. —
וויפיל פּלעג איך אַ צעפּלאַמטער וואַרטן,

זי זאָל מיר ברענגען אירע קיילעכדיגע בריסטלאַך?
ווי זי וויינט און שמייכלט! —
הער אויס אומיסטן:
„כ'קום אַריין נאָר מיטן פעטער,
„זיצט מיין יינגל אויף אַ באַנק גאָר
„רייטנדיג, אַזאַ מין ציגל!
„וואוהין פאָרסטו, ממזר? —
„פרעגט דער פעטער,
„דרייט ער אויס זיך,
„און צעטראָגן, אוי, צעטראָגן: —
„קיין אַפריקע! —
„זיי קריגן זיך,
„די שוואַרצע מיט די ווייסע קנעכט!
„מע וואַרט, יאָ, יאָ,
„מע וואַרט אויף זיי . . .
„אין מיטן גייען . . .
„און ווידער זיך אַוועקגעדרייט,
„פאַרוויינט, פאַרווייטיגט
„קלאַפּט מיט פיסלאַך, קלאַפּט זיך
„און דאָס בענקל ריפּעט־סקריפּעט.

רוסלענדישער טויט

רוסלענדישער טויט
איז טויט פון אַלע טויטן.
רוסלענדישער פּיין
איז פּיין פון אַלע פּיינען.

יאַטרעט ווערלטס אַ וואונד?
ווי האַלט איר האַרץ אַצינד?
פרעג אַ ברעקל קינד.
פרעג אַ יידיש קינד.

קאַטשען מיר זיך פאַר געלעכטער

קאַטשען מיר זיך פאַר געלעכטער:
ביי אונז טראָגט קיינער קיין צילינדער,
מיט קעפּ און אָהן קעפּ גייט מען אום. —
נאָר דער אומאַנער ראַבינער
טראָגט דעם שפּיגל קעגן זון.

קאַטשען מיר זיך פאַר געלעכטער, —
אַז סע קומט אַריין אַ באַנדע,
אַז מיר צעלויפן זיך, ווי מייז,
אַז נאָר ראַבינער אין צילינדער,
דין צעפלאָכטן הענט און נאָז, —

טאַפּט און טאַפּט אָן די סכּנה,
לויפט מיט אויגן קאַלאַמוטנע,
צו די קריסטן, גרויסע לייט, —
בעט און קליאַנטשעט הינטעוואַטע,
מיר, באַהאַלטענע אין לעכער —
אונזער האָפנונג נאָר אויף אים!

קאַטשען מיר זיך פֿאַר געלעכטער,
אַז ער איינער אין צילינדער,
מיט דעם פּאָרל גוטע קריסטן, —
ער אַליין איין ייד אין גאַס.
אַז ער פירט זיי צו דער באַנדע
אויסצוקליאַנטשען אונז דעם טאָג היינט,
שוינען אונז דאָס לייב און לעבן!

קאַטשען מיר זיך פֿאַר געלעכטער,
אַז מע הייסט אים דרויסן בלייבן
איין אַליין און וואַרטן־וואַרטן
ביי סכּנה אין די הענט.
אַז די רייטער אים דערזעהען,

פאָרן גלייך אים אויף צילינדער,
שינדן אים מיט די נאַהאַיקעס
אויף קאַטאָוועסן די הויט!

אַז ער זאַמט זיך דאָרט, פאַרהאַלט זיך,
אַז מיר גייען אויס שוין וויסן: —
וועט מען היינט צו רוה אונז לאָזן,
צי מע הויבט נאָך היינט שוין אָן?!

פון די לעכער און פון שפּאַלטן
ברענען אונזרע יונגע אויגן:
ער וועט אויסקליאַנטשען, מסתמא,
קאַטשען מיר זיך פאַר געלעכטער, —
ביי אונז טראָגט קיינער קיין צילינדער! —
מיט קעפּ און אָהן קעפּ גייט מען אום, —
נאָר דער אומאַנער ראַבינער
טראָגט דעם שפּיגל קעגן זון!

יאַטקע־הינט, די גוטע יאַטקע־הינט

יאַטקע־הינט, די גוטע יאַטקע־הינט,
האָבן זיך אַנקלעפּעט, —
און טרעטן ניט פון רחל־לאה׳ס שטעל אָפּ.
לאָזן גאָר קיין מענש ניט צו, —
די עפּלאַך און די באַרלאַך פוילן.

טענהט רחל־לאה צו די הינט:
„פאַרוואָס דען, רוצחים־משומדים?! —
דער רופא זאָגט, איך האָב געציילטע טעג נאָך!"
נאָר אויסגעלייטערט איז אין רחל־לאהן
א בטחון און אַ גרינגער שמייכל: —

„ער זאָגט עס שוין פון הונדערט יאָר!...״
נאָר די הינט, פאַרעקשנט און אַנקלעפּעט.

ביז סע קומט איר בת־יחידקעס חתן,
דער רויט־ארמייער מיט זיין טייל אין שטעטל —
ביז זיי צערייבן זיך די הענט: —
„אנו, חבריא!״
און מע טוט אַ שפּאַן א הייסן צו די יאַטקע־הינט,
און מע טוט אַ נעם זיי ביי די אויערן
די פּעלצענע, פּאַטלאַטע.

בעט זיך רחל־לאה ביי די רויט־אַרמייער:
„שלאָגט זיי ניט, אוי, שלאָגט ניט, משומדים!...
דער רופא זאָגט, איך האָב געציילטע טעג נאָך!״...
נאָר אויסגעלייטערט איז אין רחל־לאהן
אַזאַ בטחון, אַזאַ נחת!...

מ ח י ל ה?...

וואָס האָבן מיינע ליבע מיך אַהער פאַרפירט?
מיך אויף בוידעם אָפּגעשלאָסן
מיט דער פוסטקייט, מיט פאַרלאָזטקייט
און פאַרקערט דעם שפור פון טריט.

פאַרוואָס זוכט מען מיך דען, פרעג איך?
איז מיין קאָפּ דען ווערט אַ גראָשן
און מיין ביין און מאַרך אַ האַק?!

וואָס־זשע קלאָגט מען אויף מיין גורל?

סך הכל איז מיין גאַנצע קענעכטס
נאָר אַ ליד מיט האַרץ און פייער,

נאָר מיין זינגענדיגעס געגגל
א ו י ף דער אַרבעט, פ ו ן דער אַרבעט,
מיט מיין האַמער מיט מיין טאָג.
סך הכּל איז מיין גאַנץ פאַרמעגן
נאָר מיין יוגנט, מיין געזאַנג.

וואָס־זשע קומט מיר, וואָס־זשע קומט מיר
אויף אַ בוידעם, פרעג איך?

אונטער מיר איז פול די שטוב
מיט קעלט און פרעמדקייט,
איבער מיר — וואָלקן־חיות
שפּילן זיך אין פאַרבן. —
פליהט־זשע, פליהט אַרויס, איר בליקן מיינע,
פליהט כאָטש איר אויף שטאָט און דאָרף!

בלוטיגט, זידט אין מיר אַ שנאה:
„ווי די שטאָט איז גרויס,
„ווי דאָס דאָרף איז ברייט, —
„וואוינט דען ניט אַ מערדער —
„וואוינט אין יעדן הויז?!“

קלויבט מיין שנאה, קלויבט זיך
וויסטע צאָרנס פאַר אַ קללה, —
אוי, פאַרוואָס, ווי שטענדיג –
ווען פארביטערט ווערט די לופט אַרום
מיט וואונדן־ריחות פון קללה, —
פאַרוואָס, ווי שטענדיג —
איילט און קומט
דאָס שטיל געשטאַלט,
דאָס שטיל געשטאַלט פון מיינע אבות?!
און גויגט צו מיר –
צעטרייבט, צעטרייבט
די לופט פון שווערער קללה!?
און אָטעמט גלייך אויף מיר
מיט צאַרטער בליהענדיגער לופט!?
און טוליעט זיך און בעט זיך:
„איז דען יעדער מערדער
„ניט געווען אַמאָל אַ קינד?
„לאַכט דען ניט אַ מערדער,
„לאַכט דען ניט און שמייכלט צו זיין קינד?
„זיי מוחל, זיי מוחל.

ווער קאָן נאָך אַזוי מוחל זיין, ווי דו?!״

לאָז, לאָז מיך, – בלוטיגט, קאָכט מיין יוגנט, –
וואו האָב איך פון קליינערהייד
געזעהען שלעכטס?
אַז איך פלעג מיינען גאָר:
א מענש, וואָס האָט אַ באָרד,
גייט אין געסט צו גאָט
און האָט אַ ווייב און פירט די וועלט.

און דערנאָך האָב איך געשפּילט אַ ליבע
מיט יעדן לעמעלע
און בוהאַי אויפן באַרג.

און דערנאָך פאַר מאַמע און פאַר
שכנות אין די אויגן, –
אַזוי פאַרפלאַמט מיט מיינע מיידלאַך!

דאָס דאָרף אויף באַרג,
פון וואַנען מיינע מאָרגנס פלעגן אָנקומען מיט זון

און מײַנע אָוונטן אויפבליהען מיט װײַט־געזאַנג, —
דאָס דאָרף אויף באַרג
איז פול געװוען מיט סעדער און מיט קינדער.
און אָפט גאָר פלעגן זיך פון דאָרף
אַראָפּלאָזן די פורן,
אָנגעלאָדענע צו אונז אויפן יאַריד.

איז װאָס־זשע? — װען איך האָב צוגעזעהן,
װי ייִדן פּאַטשן הײס אין הענט
און גויים ענטפערן פאַרשלאָפן —
האָב איך באַדאַרפט זײ חושד זײַן?
אײַנדרינגען אין זײער גרוי־פאַרוואַקסן האַרץ
און זוכן דאָרט דעם שאָטן פון סכנה?

װאָס־זשע? —
האָב איך באַדאַרפט זיך גרונטעװען
אין זײערע גרויע אויגן, —
און דאָרט דערגרונטעװען,
דערגרונטעװען דעם סם פון חיות מײַנעם?

אוי, איר אַלטע בערג, צעשאָקלטע, צעטרייסלטע פורעניותן,
איר אַלטע, אַלטע אָפּגרונטן פון אונזער ווייטאָג,
לערנט מיך און גיט מיר כּוח
פיינט האָבן, פיינט האָבן ביז גרונט.

איבער בערג און טאָל און יאָרן
ריזלט זיך אַ קוועלכל.
ס׳קומט פון ערד־פאַרבאָרגעניש
און אַהין פאַרגייט עס.

שטייט דאָס שטיל געשטאַלט ביים קוועלכל,
ציילט די זעמדעלאַך, וואָס גליטשן זיך
פון קוועלכלס שטיינדעלאַך,
ציילט זיי גלאַט אַזוי זיך.

נעהענטער און נעהענטער,
וואו בין איך דען?
נאָהענט קומט דאָס קוועלכל,
בערג און טאָל און יארן,
וואו בין איך דען? —

אָט ריזלט עס און ריזלט פאַר די פיס.
דאָס געשטאַלט גלייכט זיך אויס.
זיידיש־קינדיש שמייכלט,
מאַכט מיך שעמען.
ווייזט אויף דאָרף און שטאָט: —
„כ׳קען זיי פון אַמאָל.
„זיי האָבן זייערן אַ גאָט געבראַכט קרבנות.
„בעסטע זין און טעכטער
„יאָרן־לאַנג —
„דערנאָך אים צו אַ פערד־עק צוגעבונדן
„מיט געלעכטער, מיט געפילדער אים אַרומגעשלעפט,
„מיט שטעקנס אים געשלאָגן,
„געוואָרפן אים אין דניעפּר.
„זיין שאָטן און די שאָטנס פון קרבנות,
„זין און טעכטערס
„האָבן איבער וואַסער
„געציטערט און געליטן.
„דערנאָך.
„איצט זיי שטייען, נעביך, אַלץ געבויגן
„איבער גרויסן אבן־טוב

„פון אונזער ברונים.
„דרינגען, דרינגען שוין אַזוי פיל יאָר אַריין
„און דערזעהען ניט.
„און שווער איז, נעביך, זיי צו זעהן
„אין דער טיפער לויטערקייט: —
„ווי מענש מיט מענש
„און מענש מיט גאָט
„בליהען דאָרט אין לויטערקייט.
„(קאָנסטו צו זיי טענות האָבן? קאָנסטו?)
„זיי מוחל זיי, זיי מוחל זיי.
„ווער קאָן נאָך אַזוי מוחל זיין, ווי דו!"

אינהאַלט:

זייט

פאָרוואָרט 7

I

פאַרמישטע טראָטואַרן 11
אין שטוב פאַרהאַקטער 14
ליב־געבענשטער קאָפּ 17
טאָג און נאַכט 20
זי שנאָרעט שוין ווידער 22
טאָג ווערט פינסטערער 25
ביז טויב צו ווערן 27
כאַפּט מיך אָן די בייזע בשורה 29
כ'האָב דיר ניט וואָס אָנצוזאָגן 31
כ'האָב אַ יונג׳ אַ בליהענד לעבן 33
קינדער־וויגעלאַך צעהאַקט 35
רויטע סטענגעס 38
האַלב נאַכט זיצט 40
איז וואָס׳ אַז קלויסטער־גלאָקן 45
דאָס איינציגע 47

אַלע, אַלע זיינט איר מיינע 49
אונטער דיין האַרצן 50
ווילט זיך ניט קלאָגן 51
אוודאי אַ נאַרישקייט 53
איך זאָל כאָטש ענדיגן 57
אונטן שנאָרען אום די געסט 59
קוק, איך פינטל מיט די אויגן 63
לאָז די קינדער ניט אַריין 65
אויף גלאָז פון אויסגעזעצטע פענסטער 68
רויטע ווענט 70
ווען ס'זאָל ניט זיין 74
בין געווען דאָרט 77
זון 80
אין מיין אינוועלט 82
אויב דו ביסט פאַראַנען 84
פאַר קלאָגיג־גראָהינקן קאָבזאַר 86
מיר וואָגלען 88
אין עולם התוהו 91

II

אָפגעטרייסלט זיך 97
אונז, די שפעטסטע 101
קינדער־יתומים 103
און פעלקער מיט קלומעקלאַך 105

טראָגט די שטאָט 108
זיי שטופּן מיך 110
גרויסע׳ מעכטיגע וואַנט 113
איינס׳ אַ זונדעלע׳ אין אונזערס 116
פון ניט־זיין צו ניט־זיין 119
און ציגיינערס אויך 121
אַז איך דערמאָן זיך אָן בעל־שם־טוב 124
נאָכדעם׳ ווי דער ערשטער שלאָף 126
מיינע אויגן 129
אויסגעפּאַנצערט אַ געשיכטע 132
ס׳וועט אַזוי ניט זיין 135
פון די קוימענעס 138
וויפיל שעה׳ן אין אַ טאָג 142
געשעהט 144
ווער האָט עס געקאָנט וויסן 147
רוסלענדישער טויט 151
קאַטשען מיר זיך פּאַר געלעכטער 152
יאַטקע־הינט 155
מחילה?... 157